**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/1/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול מעלדט אויס 4.7 מיליאן דאלער פאר אדאפטירונג-פארבינדעטע סערוויסעס, ביים אנהייב פונעם 'אדאפטירונג עווערנעס מאנאט'**

***פינאנצירונג מעלדונג קומט אין צוזאמענהאנג מיט דער 'אדאפטירונג עווערנעס מאנאט'; מעמד פיגורירט דעריל "DMC" מעקדעניעלס און סטעיט אפעראציעס דירעקטארין קעטרין גארסיע***

***נייע סאושעל מידיע קאמפיין #BeTheChangeNY אונטערצוהייבן באוואוסטזיניגקייט פון אדאפטירונג סערוויסעס אונטערצושטיצן קינדער און פאמיליעס***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן 4.7 מיליאן דאלער אין פעדעראלע פינאנצירונג אויסצוהאלטן א ברייטע פארנעם פון אדאפטירונג-פארבינדעטע סערוויסעס אויסגעטיילט דורכ'ן סטעיט אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס. די פינאנצירונג מעלדונג קומט ביים אנהייב פון 'אדאפטירונג עווערנעס מאנאט' און א פראגראם וואו עס האבן פיגורירט סטעיט אפעראציעס דירעקטארין קעטרין גארסיע און גרינדענדע מיטגלידער פונעם לעגענדארן היפ-האפ גרופע DMC-Run, דעריל "DMC" מעקדעניעלס -ביידע וועלכע זענען געווען אדאפטירט אלס קינדער און זענען יעצט שטארקע שתדלנים פאר אדאפטירונג און קינדער אין פאָסטער-קעיר.

"מען קען נישט איבערשאצן די פאזיטיווע איינפלוס און וויכטיגע ראלע וואס א ליבליכע, אונטערשטיצנדע הויזגעזינד קען האבן אויף א קינד'ס לעבן," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "קעטרין און דעריל'ס געשיכטעס זענען בלויז צוויי פון טויזנטער וועלכע שטעלן פאר די געוואלדיגע ארבעט וואס ווערט געטון לענגאויס ניו יארק סטעיט צו העלפן קינדער וועלכע זוכן אדאפטירונג. די געלטער, אינאיינעם מיט אונזערע כסדר'דיגע אינוועסטירונגען, וועלן העלפן פאראייניגן נאך מער קינדער מיט סטאבילע, ליבליכע פאמיליעס און א פלאץ וואס זיי קענען רופן היים, איינמאל פאר אלעמאל."

"א יעדע קינד האט דאס רעכט צו א סטאבילע און זיכערע היים סביבה. אלס א געוועזענע מיטגליד פון קאנגרעס, האב איך געקעמפט פאר די רעכטן פון קינדער און פאמיליעס לענגאויס ניו יארק און דאס לאנד, און איך זעך פאר אזוי צו טון אלס ליוטענאנט גאווערנער," **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא, וועלכע האט זיך היינט באטייליגט ביי דער מעמד ביים אלבאני קאפיטאל צענטער.** "איך בין שטאלץ צו זיין טייל פון אן אדמיניסטראציע וואס אינוועסטירט אין פראגראמען וואס באשיצן קינדער אין פאָסטער-קעיר, פארמערט אדאפטירונגען און אויפציערשאפטן, און שטעלט צו קריטישע טרענירונגען, שטיצע און סערוויסעס פאר קינדער און פאמיליעס בשעת זיי לאזן זיך ארויס אויף זייערע אדאפטירונגס רייזע."

דעם הערבסט, האט ניו יארק סטעיט באקומען א 4.7 מיליאן דאלערדיגע אדאפטירונג און אויפציערשאפט פעדעראלע באלוינונג גרענט. OCFS וועט ניצן די געלטער אויפצונעמען נייע אדאפטיווע היימען, פאר טרענירונג אדער קאנפערענצן צו פארבעסערן דעם אדאפטירונג פראצעדור, און

פארשידענע ערליי אדאפטירונג-פארבינדעטע קינדהייט וועלפעיר סערוויסעס וואס רעכענען אריין צווישן אנדערע:

- **[׳הארץ גאלעריע ניו יארק](#)**, א צוזאמארבעט מיט ׳הארץ גאלעריע NYC׳, וועלכע האט אוועקגעשטעלט פינף גאלעריעס וועלכע פיגורירן בילדער פון 57 קינדער אין פאָסטער-קעיר וועלכע ערווארטן פערמאנענטע היימען. די גאלעריעס זענען אויף צו ארויסהייבן באוואוסטזיניגקייט איבער ניו יארק׳ס ווארטנדע קינדער, אריינציען דעם קאמיוניטי אין זייער וואוילזיין און זיי פארזיכערן מיט פערמאנענטע היימען.

- **אדאפטירונג אלבום**, א סערוויס וואס שטעלט צו א ליסטע פון קינדער גרייט פאר אדאפטירונג ווס מען קען נאכזוכן לויט׳ן דזשענדער, עלטער, און געשוויסטער גרופע. דאס אלבום שטעלט צו דעם נאמען און קאנטאקט אינפארמאציע פאר׳ן ארטיגן דיסטריקט אויף צו לערנען מער איבער׳ן אדאפטירונג פראצעדור.

- **װענדי׳ס וואונדערבארע קינדער**, א פראגראם וואס שטעלט צו שטיצע פאר ארטיגע סאושעל סערוויסעס דעפארטמענטס אויפצונעמען נייע אדאפטיווע פאמיליעס. די שטיצע רעכנט אריין העלפן די דאזיגע דעפארטמענטס אויפצונעמען אדאפטירונג ספעציאליסטן געווידמעט אויף צו טרעפן פערמאנענטע פאמיליעס פאר קינדער אין פאָסטער-קעיר וועלכע זענען דאס מערסטע פארזען.

די פינאנצירונג בויט ווייטער אויף ניו יארק סטעיט׳ס 5 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין ריכטונג פון 16 ראיאנישע פערמאנענטקייט הילפס-מיטל צענטערן. די דאזיגע צענטערן שטעלן צו סערוויסעס סיי פאר׳ן און סיי נאכ׳ן אדאפטירונג און שטיצע פאר קינדער און פאמיליעס לענגאויס דעם סטעיט.

**ניו יאָרק סטעיט דירעקטארין פון אפעראציעס קעטרין גארסיע האט געזאגט,** ״באלד 700 קינדער אין פאָסטער-קעיר טון נאך יעצט ווארטן פאר אן אדאפטיווע פאמיליע. ווען איך טראכט איבער מיין אייגענע אדאפטירונג געשיכטע, איז עס קלאר אז יעדער דארף אן אייביגע פאמיליע זיי צו ערנערן און אויסהאלטן. טרעפן אייביגע היימען הייבט זיך אן מיט אדאפטירונג עדיוקעישען און צושטעלן די מיטלען צו זיכער מאכן אז פאמיליעס וועלכע שטיצן פולשטענדיג אדאפטירונג האבן די כלים צו בלייבן אינאייעם און מצליח זיין.״

דער מעמד האט אויך געפייערט די טויזנטער עלטערן לענגאויס דעם סטעיט וועלכע האבן געענטפערט דעם רוף און זיך אהערגעשטעלט צו מאכן א לעבנסלאנגע פארפליכטונג ליבן און שטיצן קינדער אין פאָסטער-קעיר. אינערהאלב ניו יארק סטעיט, זענען 7,500 קינדער אדאפטירט געווארן זינט 2017.

כדי ארויסצוהייבן באוואוסטזיניגקייט פאר׳ן ׳אדאפטירונג עווערנעס מאנאט׳, האט דער אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס אוועקגעשטעלט דעם #BeTheChangeNY קאמפיין. די אונטערנעמונג צילט צו מוטיגן ניו יארקער זיך באקאנט צו מאכן מיט אדאפטירונג און נעמען אין באטראכט צו עפענען זייערע היימען פאר קינדער וועלכע ערווארטען פערמאנענטע היימען.

**דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמיסיאנערין שיעלע דזשעי. פול האט געזאגט,** ״עס איז מיר א כבוד אז ניו יארק סטעיט דירעקטארין פון אפעראציעס קעטרין גארסיע און איקאנישער מוזיקאנט דעריל מעקדעניעלס האבן מיטגעטיילט זייערע ערפארונגען פון אדאפטירונג. זייערע איספירירנדע געשיכטעס דערמאנען אונז אז פאר אלע קינדער קומט זיך היים וואו זיי קענען זיין

באליבט, ארויפגעקוקט און געשעצט. בשעת מיר אנערקענען דעם 'אדאפטירונג עווערנעס מאנאט', איז עס וויכטיג צו געדענקען אז יעדע איינציגע טאג קען עמיצער באשלוסן צו זיין די טויש אין א קינד'ס לעבן."

מעקדעניעלס, א ניו יארקער געבוירענער, האט אויסגעפונען ביים עלטער פון 35 אז ער איז געשטעלט געווארן אין פאָסטער-קעיר און דערנאך אדאפטירט. ער האט געגרונדעט דעם וואוילטעטיגע פעליקס ארגאניזאציע, וואס שטעלט צו אינפארמירנדע באריכערנדע געלעגנהייטן פאר קינדער אין פאָסטער-קעיר, און האט באקומען דעם קאנגרעסיאנעלן 'מלאכים אין אדאפטירונג אויסצייכענונג' פאר זיינע כסדר'דיגע באמיאונגען.

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "אדאפטירונג און אויפציערשאפט פראגראמען שטעלן צו א זיכערע און פערמאנענטע ארט פאר טויזנטער קינדער יעדעס יאר. די פעדעראלע אינוועסטירונג וועט נישט נאר פארבעסערן דעם אדמיניסטראטיוון פראצעדור פארבינדן מיט אדפטירונגען, נאר וועט אויך צושטעלן מיטלען צו בעסער אנגרייטן א גרעסערע צאל פון פאמיליעס אויפצונעמען אדאפטירטע קינדער. עס וועט אויסמאכן פאר טויזנטער קינדער וועלכעווארטן צו ווערן פערמאנענט ארייננגעשטעלט מיט זייערע נייע פאמיליעס."

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באומען האט געזאגט,** "אדאפטירונגען העלפן טויזנטער ניו יארקער פאמיליעס ווערן גאנץ, און גאווערנער האוקול'ס צוגעלייגטע געלטער פאר אדאפטירונג-פארבינדעטע סערוויסעס איז העכסט-נויטיג און צום פארדאנקען. עס איז פאסיג אז די פעדעראלע פינאנצירונג קומט יעצט פאר, דורכאויס 'אדאפטירונג עווערנעס מאנאט'. צוזאמפארן אדאפטיווע היימען און קינדער וועלכע דארפן ווערן אדאפטירט בלייבט וויטער א שוועריגקייט, און טייל פון די געלטער וועט גיין צו רעקרוטירן אדאפטיווע פאמיליעס און שאפן נאך געלעגנהייטן פאר ליבליכע פאמיליעס. עס קומט זיך פאר אלע קינדער צו ווערן אויפגעצויגן אין א ליבליכע און אונטערהאלטנדע היים. עס איז וויכטיג פאר זייער וואוילזיין און פאר די אנטוויקלונג פון אונזער געזעלשאפט. איך האב כסדר'דיגע דאנקבארקייט פאר די וועלכע טון די וויכטיגע ארבעט און שתדל'ען פאר איר נייטיגע פונקציאנירונג - בעפאר'ן, דורכאויס, און נאכ'ן אדאפטירונג פראצעדור."

**פעליקס ארגאניזאציע גרונדער דעריל מעקדעניעלס האט געזאגט,** "איך בין געווען גליקליך צו זיין אדאפטירט. עס האט מיר געגעבן די מעגליכקייט צו גיין וואו איך האב געדארפט גיין און ווערן וואס איך האב געדארפט ווערן. עס איז יעדנ'ס פאראנטווארטליכקייט צו שתדל'ען, באשיצן, און רעספעקטירן די באדערפענישן פון אלע קינדער אין פאָסטער-קעיר כדי זיי זאלן קענען בליען און דערגרייכן זייערע טרוימען אפגעזען פון זייערע אומשטענדן."

דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס דינט ניו יארק'ס פובליק דורכ'ן ארויסהייבן דאס זיכערהייט, פערמאנענטקייט און וואוילזיין פון קינדער, פאמיליעס און קאמיוניטיס. די אגענטור שטעלט צו א סיסטעם פון פאמיליע שטיצע, יוגנטליך-יוסטיץ, יוגנט אנטוויקלונג, טשיילד-קעיר און קינדהייט וועלפעיר סערוויסעס און איז אחראי פאר פראגראמען און סערוויסעס אין פארבינדונג מיט פאָסטער-קעיר, אדאפטירונג און אדאפטירונג הילף, קינדהייט באשיצונג סערוויסעס, קראנקייט-אפהאלט קעיר פאר קינדער און פאמיליעס, סערוויסעס פאר טראגעדיגע יוגנטליכע און באשיצנדע פראגראמען פאר אומבאשיצטע ערוואקסענע. פאר מער אינפארמאציע איבער וויאזוי צו העלפן אדער ווערן אדאפטירנדע עלטערן, רופט 1-800-345-KIDS.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418